# קטעי יומן

יוצא לאור

לקראת היארצייט העשרים של

**הרה"ת ר' דובער ע"ה**

**יוניק**

ט' אייר ה'תשפ"ה

ב"ה.

# פתח דבר

לקראת היארצייט העשרים של אבינו, זקננו הרה"ת ר' **דובער יוניק** ע"ה (ו' אב תרפ"ז – ט' אייר תשס"ה), מפרסמים אנו בזה קטעים נבחרים מיומנו האישי, בו רשם מדברי הרבי אליו בהזדמנויות שונות במשך השנים.

כידוע, זכה אבינו, זקננו ליחס מיוחד מהרבי, אשר קירבו והדריכו כאב המדריך את בנו.

חלק ניכר מהיומן כבר נתפרסם בתשורות שונות במשך השנים, אך המיוחד בקטעי היומן שמתפרסמים כאן לראשונה, שמהם ניתן ללמוד אודות התעניינותו של הרבי בפרטי חייו האישיים, בריאותו, בני משפחתו, הדרכה מפורטת להסתדרותו בעניני פרנסה וכיו"ב.

(הקטעים הבאים בסוגריים הם תגובותיו לדברי הרבי).

הקובץ הוכן לדפוס ע"י נכדו הרה"ת ר' **אליהו** שי' **יוניק**, שליח הרבי בבורלינגטון, ווערמאנט.

תודתינו נתונה לנכדו הרה"ת ר' **לוי יצחק** שי' **מונדשיין** שליח הרבי בסמולנסק, רוסיא, ובנו הרה"ת **מנחם מענדל** שי' **מונדשיין** על עזרתם בהכנת קובץ זה.

ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים, והוא יגאלנו.

**המשפחה**

ז' אייר* ה'תשפ"ה,

שבעים וחמש שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר,

ברוקלין, נ.י.

---

*) תאריך היחידות הראשונה לה זכה – ז' אייר תש"י. ראה ימי בראשית ע' 147 ואילך.

# קטעי יומן מר' דובער יוניק ע"ה

**יום ב' פ' מקץ, א' דחנוכה ה'תשי"ב 10:50 ביום**

וואס וועט זיין מיט אייער פארן[1] (מסתמא מוצאי שבת).

א פַאס[2] האט איר שוין, מסתמא דארף מען נאך עפעס האבן. פון נאטאריוס[3] וועט איר דאס מאכן היינט אדער מארגן, מארגן איז דאך פארמאכט[4].

עס איז פאראן דעם רבינ'ס א קופה, פארניצט דאס געזונטערהייט, עס וועט זיין אויף דער נסיעה. און איר האט דאך א שוועסטערל וועט איר קויפן איר א מתנה (נתן בידו הק' 50 שק'). דאס איז ניט נוגע צום טיש[5], און וואס איז מיטן טיש איר לייגט אויס אייגענע (ניין, איך וועל שפעטער אפנעמען) דאס איז ניט נוגע צום טיש, קויפט עפעס דער שוועסטער דער מאמען דעם טאטען[6].

---

1) למאנטרעאל, בכדי לבקר את הוריו. לפרטי נסיעה זו והדרכת רבינו אליו ראה תשורה תש"ס עמודים 12-13.

2) דרכון.

3) נוטריון.

4) מצד החגא שלהם.

5) ראה בקטע הבא.

6) ראה בתשורה הנ"ל שנתן עוד $50 למתנה לקנות מתנה לאימו.

טאמער דארף מען עפעס מתקן זיין די מלבושים, איך מיין פשוט אין גשמיות, איך ווייס ניט אין דעם, עס איז ניט מיין דעפארטמענט.

**יום א' דחנוכה שעה 2:30 ביום**

וויפל קומט אייך פאר'ן טיש ($37).

נו, און וויפל האט איר אייגענע דערלייגט (גארנישט).

נו, און פאר דער קווארט און פאר נאך עפעס... איך זע אז אויף דעם דארף מען זיך מיט אייך איינטענה'ן (פאר א מתנה קומט דאך גארנישט).

עפעס ווילדע דרכים מיט געלט, קויפן א קווארט שיקן א טארט, אין ליובאוויטש איז אזוי ניט געווען...

אויב איר האט הנאה, איז מיט א טרחה אדער מיט התקשרות און ניט מיט געלט, איר זייט דאס ניט בכח דערוויל. אז איר וועט ווערן א גיבור מיט דער צייט. מ'גיט מעמד 18 סענט אדער 35 סענט אבער ניט מער ווי מ'קען.

און פאר'ן שלאס וויפל האט איר דערלייגט, און נאך זאכן. א שאד די צייט.

עס וועט זיין אי"ה אלעס בהצלחה (היינו הנסיעה), איר וועט קומען אהין געזונטערהייט טרעפן דארט אלעמען געזונטערהייט, און קומען פון דארט געזונטערהייט.

איר וועט נאך אריינגיין פאר'ן פארן, איר פארט שבת צונאכט.

וואס איז מיט מזוזות, מ׳וואלט באדארפט איצטער מאכן, פרעגט ביי שמרי׳ פאקטאר[7], איך ווייס ניט צי ער האט.

וואס שרייבט מען אין בריוו... וואס דארף מען שרייבן אז מ׳האט א קראנקע באבע, מ׳קען דאך די זעלבע זאך זיין געזונט.

## יום א׳ פ׳ מטו״מ, תשט״ו

וואס איז מיט לאס אנדזשעלעס, איך מיין וועגן שחיטה. דא אין ניו יארק איז א שווערע זאך, אפילו איר וועט קריגן א פאר טעג ביי מעלצער׳ן און דערנאך איז מצד כשרות....

איך וויל ער זאל עפענען א אפסעט[8], דאס הייסט פאטאגראפירן ספרים להבדיל ביכער, אויף דעם איז פאראן ארבעט זיכער. אין כוונה ער זאל אריינעמען א פאר בחורים, און איר זאל זיין דער ראש... מאשינעס וועט מען קויפן און געלט וועט ער געבן א חלק און א חלק וועט אייך לייען מחנה ישראל.

וואס האט איר געטאן אין רוסלאנד. אפשר וועט איר מאכן א צעך[9] פון טריקאטאזש[10] מיט א פאר יונגעלייט און געלט... רובאשקין, וואלאסאוו?

דערנאך וועגן עלעקטרישע זאכן דארפט איר דורכריידן מיט גרשון סימפסאן, ער איז א גוטער מענטש. קען זיין אז מ׳דארף א לייסענס, אדער

---

7) סופר סת״ם, מסיים ספר תורה של משיח.

8) מלאכת הדפוס.

9) מפעל.

10) סריגה.

מ׳קען ארבעטן אויף יענעם לייסענס, אדער ביי אים ארבעטן. ארויסנעמען א לייסענס דארף מען לערנען חדשים און יארן.

וועגן די אויגן, ד״ר זעליגסאן האלט פון... פארט צו, צו אים.

אפשר דארפט איר ווארפן די דיימאנטן, בכל אופן עס איז ניט פאר אייך מאכן א צעך ווייל מ׳דארף דאך די דיימאנטן פארקויפן. . .

וויפל דארפט איר אויף דער הוצאה, קיין חובות האט איר ניט, איך וועל אייך לייען און לכשירחיב וועט איר אפגעבן צו ביסלעך.

וויפל דארפט איר. זאל הרב חדקוב אפרופן צו מיר וועל איך אים זאגן און ער זאל מארגן אפרופן מ׳ שוסטערמאנ׳ן אין איר קענט נאך היינט צופארן צו גרשון סימפסאן.

פארניצט דאס געזונטערהייט אויף געזונטע זאכן און ניט אויף... דער אויב[ערשטער] האט אייך ארויסגענומען פון רוסלאנד און געבראכט אהערצו. וועט ער אייך געבן דא פרנסה.

וואס איז [מיט] אייער שוואגער (היינו יצחק שלמה פעוזנער) וועגן א שידוך, אז מי האט חתונה ווערט זי א אונזערע.

רעדט נאכאמאל מיט חיים אייזיק׳ן און זאגט צו אז מ׳וועט אים געבן מער מיט א פופציק, אדער מיט צען צוואנציק פראצענט.

רעדט זיך דורך מיט אייער בעה״בסטע וועגן לאס אנדזשעלעס,

(אויב דער רבי שליט״א האלט אז דאס איז די גלייכסטע זאך, פארן מיר),

איך זאג ניט, אבער דו דארפסט איבערטראכטן, איך מיין ניט פארן מיט קבלת עול, מ׳דארף פארן לכל הפחות אויף א יאר צייט און ניט אויף א וויזיט.

## אור ליום ב׳ פ׳ משפטים, ליל כ״ד שבט תשט״ז 1:23-12:57 לילה

וואו זייט איר געווען!

וויפל צייט דארף נעמען לערנען אין סקול די גאנצע זאך. וויפל דארף דאס קאסטן (550$) אפשר איז פאראן נאך סקולס וואס מ׳לערנט גוט.

איר זייט געווען ביי קאמינסקי, איר קענט אים, איר קענט שלמה פרייפעלדן אויך, זיי זיינען דאך פון חיים ברלין. וויפל פארדינען זיי ביי יענעם און וואס איז מיט זייער מאשין,

מיט וויינרייך׳ן האט איר גערעדט, ביי זיי איז א יוניאן שאפ[11] צו ניט (לקח ספר התניא הקטן והביט עליו) ואמר אויב עס איז א יוניאן שאפ דארף זיין עפעס א נאמער[12].

און וואס איז מיט פאלאק (ביקש ליתן לו ספר אחד מהשלחן מאדמו״ר מהר״ש הביט עליו ואמר) דא איז אויך ניטא קיין סימן, מסתמא איז דאס ניט קיין יוניאן שאפ, פארוואס וויל ניט וויינראך...

ווי אויב מ׳קויפט א נייע מאשין לערנען זיי אויך? איך גלויב אז אפילו מ׳זאל קויפן א אלטע מאשינע דארף מען אויך אויסלערנען, וויפל דארף קאסטן א מאשין.

איך וועל ריידן מיט רבי חדקוב ער זאל אפרופן מר סנאבול, מ׳דארף זיי געבן א סידור איבערדרוקן און פאר איינס וועט ער זיי בעטן וועגן דעם.

---

11) הפועלים העובדים שם הם חלק מאיגוד עובדים.

12) לפעמים יש מספור מיוחד בתוך הספר המראה שנדפס ע״י פועלי **union**.

איך רעכן אז דער עיקר איז צונויפשטעלן און די לעצטע זאך (היינו פרעס) און די אנדערע זאכן קען מען שנעל נעמען, און דערנאך אז איר וועט קענען אלע פרטים זאלט איר אויסלערנען א פאר בחורים.

וואס האט אייך באוועגן צו טאן איצטער אין דעם (ס׳איז שטיל אין דיימאנטן) עס איז פאראן דאפס מעכאנישע[13] וואס מ׳דארף ניט מעסטן, פארשנעלערט די ארבעט.

איך וועל זאגן רבי חדקוב ער זאל אפרופן אין די פאר ערטער און אין א פאר טעג ארום וועט איר פרעגן ביי אים, אבער ווען האט איר צייט אויף דעם, ווען זיי ארבעטן, ארבעט איר דאך אויך אין דער זעלבער צייט, אבער וועגן דעם וועט מען זעהן שפעטער.

## ערב פסח תשט"ז

דאס איז דאך אייער שליחות (א בריוו עבור אמו תחי׳[14]).

אין וועלכן שפיטאל גייט אייער פרוי,

ווער האט איר געהאלפן אויף פסח, די שוויגער, נו. און די שוועגערן...

13) מכונה לליטוש יהלומים.

14) מכתב שכתב הרבי בכתב הדומה לכתב ידו של אחיו ר' ישראל ארי' ליב ע"ה, עבור אמו הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה לפני כל חג.

## יום ? תשט״ז

וואס איז מיט פרנסה? איר האט חובות? וויפל האט איר אויסגעצאלט?

וואס מאכט דער זוהן, די פרוי, עס איז אלעס כשורה, זי גייט אלע מאנאט צום ד״ר.

וואס מאכט די מאמע אין געזונט, איך מיין אייער מאמע (מסתמא גוט)

פארוואס ווייסט איר ניט, איר קענט דאך אנשרייבן א בריוו, עס קאסט דריי סענט אדער אייר מייל קאסט זעקס סענט, און אלעס וויסן.

וואס איר מיט דער אינגערער שוועסטער, זי ארבעט, זי לערנט אויך, וואס הערט זיך מיט איר.

אז איר וועט דאס אנפרעגן און מ׳וועט אייך ענטפערן וועט איר מיר אויך מודיע זיין.

## יום א׳ פ׳ חיי שרה, ט״ז מרחשון תשי״ז 11:00-10:35 ערב

וואס ווערסטו זאגן נייעס.

וויפל ארבעסט, צען שעה א טאג, עס איז אלעסביים זעלבן בעל-הבית.

דו האסט געהאט עפעס ראסהאדן[15].

און ווי אזוי פארדינען אנדערע וואס האבן גרעסערע משפחות ווי אברהם יעקב?

15) הוצאות.

אפשר וואלסט אויך געארבעט [אין] אזוינע סעקשענס, דערנאך איז דא מאשינדלעך וואס פארשנעלערן די ארבעט.

האסט עפעס נאך הצעות!

עס וואלט געווען גוט מאכן א צעך פון דיימענדן[16] און אויסלערנען נאך א פאר בחורים, אדער טריקאטאזש, מ'דארף אויסגעפינען גענוי אלע פרטים צי עס לוינט. מ'זאל ניט גלאט קויפן א מאשין און ארבעטן אן א חשבון.

וואס טוט יוסף ראבינאוויטש, ער האט דאכט זיך געארבעט אין פילאדעלפיא טריקאטאזש[17].

דערנאך קען מען מאכן א געשעפט פון עלעקטרישע זאכן. עס איז פאראן צענדליקער זאכן וואס מ'קען אים דעם האנדלען,

ובהנוגע צו דיר וועט מען דיר לייען געלט, און "מרכז" קען אויך אריינגיין אלעס א שותף. די געלט וועט מען אויסצאלן און דערנאך וועט מען זיין א דריטל, פערטל אדער העלפט.[18]

א צעך פון מאנטלעך[19] . . .

שמעון אבערלאנדער, ער האט געלערנט דא אין ישיבה, קען מען ביי אים אויסגעפינען וועגן טריקאטאזש.

---

16) מפעל של יהלומים.

17) ראה לעיל, יומן יום א' פ' מטו"מ תשט"ו.

18) ראה אודות הלואה, לעיל יומן א' פ' מטו"מ תשט"ו.

19) אולי קשור לקטע הבאה

וואס טוט פעווזנער (הלל[20]), מ׳קען ביי אים מסתמא אויך אויסגעפינען ווי אזוי צו זיין בעל־הבית האט א גרויסן צעך.

און ראקסין ארבעט אויך ביי טריקאטאזש, וויפל פארדינט ער. זיין בעל־הבית איז ניט אין א גרויסן פארנעם, קען ער אויך וויסן ווי אזוי עס גייט אין טריקאטאזש. איך מיין ניט אין ביזנעס צוזאמען, אבער אויסגעפינען קען ער מסתמא, און אפשר זיין בעל־הבית וויל פארגרעסערן דעם געשעפט.

(אמרתי מ׳האט מיר פארגעלייגט שותפות אין דיימאנטן. . . ) . . . דארף מען זיין זייער פארזעכטיק, די גמרא[21] זאגט אז בכיסו איז א אנדער זאך, מ׳קען זיין ערלעכע אידן אבער צו געלט קומט דאס ניט.

דערנאך קען מען מאכן עקספארט־אימפארט מיט פאריז מיט׳ן שוואגער. עס איז פאראן זאכן וואס מ׳קען שיקן פון דאנעט און עס איז פאראן זאכן וואס מ׳פירט פון דארטן אהער. ער האט גענומען מיט זיך א מאשי[נ]קע! און דער שוואגער ווייסט יע פון דעם (יצחק) פון דארטן פירט מען פארשיידער סחורות, אדעקאלאן[22] מ׳דארף נאר האבן ארענטליכע מענטשן דא און דארטן, מ׳קען שיקן מענטשן, עס איז פאראן סחורות וואס מ׳קען שיקן מיט׳ן שיף און אפילו אז מ׳האט אנדערע ביזנעס קען מען דאס אויך טאן. און אז עס וועט גיין מיט הצלחה קען מען נאר מיט דעם פארנעמען זיך.

איך מיין אז דו וועסט מאכן עפעס א געשעפט זאל מען קענען אריינעמען נאך א פאר בחורים.

---

20) בן ר׳ דוד (בן-דוד של כותב השורות).

21) עירובין ס"ה ע"ב.

22) אולי הוא סוג סחורה כגון מדביקות או כיוצא בזה.

אז מ׳וועט ניט ליגן אין מרבה זיין ממון וועט מען האבן מער צייט אויף לערנען.

וועגן א רוחניות׳דיק ארבעט וואס קען מען זיין א משגיח, ווארטן ביז עס וועט ווערן א פלאץ אלעס ראש ישיבה, מלמד, טיטשער...

בכלל די ענינים וואס מ׳האט פאראיארן געזעדט זיינען בתקפו עומדים.

צי מ׳קען אפקויפן די אפסעט מאשינע ביי יענעם מענטשן.

## אור ליום ב׳, ליל ג׳ מרחשון תשי"ח 11:17-11:03 ערב

מסתמא נאך עפעס פאראן בעל פה חוץ די נעמען.

(אודות הולדת בן לאחי מאיר שי׳) וואו איז ער! וואס ארבעט ער. אויף דעם קאנווערט קען מען דאך וויסן פון וואנעט דאס איז.

וואס איז מיט מיליטער ביי אים! מיט דעם וואס מ׳איז געזעצן פאטערט מען זיך!

איך האב גארניט געוואוסט אז ער איז נאטיקס א שוואגער.

ווי האלט ער וועגן ארויספארן, אפשר שרייבט ער עפעס וועגן דעם אדער מרמז. מ׳וואלט באדארפט ארויסשיקן אפידעוויט – פון דאנעט ניט, נאר פון ארץ ישראל.

וועגן א פעקל קען מען שיקן אמאל דורך פאריז. דעם ערשטן מאל שיקן זיי אויף זייער חשבון. מ׳דארף זיי נאר שיקן דעם אדרעס פון דאנעט אדער פון ארץ ישראל.

פארוואס זאל ער ניט וועלן (טראכטן?) ארויספארן.

וואס הערט זיך דא. מ׳דארף זיכער טאן אים דעם (אפסעט) עס איז קיין ספק ניט אז זיי געפינען א דזשאב און אין יוניאן קענען זיי אויך ארייַנפירן.

וואס איז ביי אייך מיט די אויגן. ביי אפסעט אי מ׳פארדינט מער אי דעם בריאות פאטערט מען ניט. און במשך הזמן קען דאס זיין א דרך לרבים.

פריער וואלט געווען גוט אז מ׳גייט אריין צו א אייגענעם אין שאפ. וואס איז מיט קאמינסקי, און זיין שותף.

שוסטערמאן ווייסט אז איר האט זיך געלערנט, פארוואס ביסטו טאקע ניט געגאנגען א קוק טאן ווי די מאשין ארבעט, איך מיין ניט ארבעטן ביי אים, וועגן דעם זאג איך גארניט, נאר פשוט פראקטיקע, און אז מ׳וועט קענען די מאשין וועט מען דערנאך קענען אויסלערנען די ארבעט.

וואס איז מיט שבת. דאס איז זיכער א גוטע זאך. מסתמא ביי דעם ערשטן דזשאב בלייבט מען ניט.

וואס דארף מען דאס אפלייגן ביז י״ט כסלו, זעקס וואכן מיט׳ן שחיטה קען מען איינארדענען זאל ניט זיין קיין סתירה, אפשר אפאר[ט] טיים דזשאב און דעם סטעדי דזשאב האלטן ביז נאך י״ט כסלו.

זאל זיין בהצלחה. דאס איז א פאך וואס מ׳דארף דאס אוסניצן.

לעילוי נשמת

הוו"ח אי"א בעל מדות תרומיות הצנע לכת וכו'

הרב התמים ר' **דובער**

בן הרה"ח ר' **נפתלי** ע"ה

**יוניק**

משמש בקודש קרוב ליובל שנים

**נפטר ט' אייר ה'תשס"ה**

והאשה החשובה יראת ה'

מרת **פרומא**

בת הרה"ח הרה"ת המשפיע ר' **אברהם ברוך** ע"ה

**נפטרה ב' ניסן ה'תשפ"ד**

**ת' נ' צ' ב' ה'**